# פרשת חקת

**בס"ד. שיחת יום ד' פ' בשלח, יו"ד שבט, ה'תשל"ה**
**– עשרים וחמש שנים לנשיאות כ"ק אדמו"ר שליט"א –**

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

דאָס וואָס ס'דאַרף נאָך אָבער האָבן אַן ערקלערונג: בשעת אָט דער צוזאַמענקלייבן פאַרבינדט מען דאָס מיט אַ הסתלקות פון אַ צדיק, מיט אַ הסתלקות פון אַ נשיא, מיט אַן ענין וואָס דאָס איז פאַרבונדן וואָס בשעת מ'קוקט מיט פליישיגע אויגן איז דער צדיק **אַוועק** פון דער וועלט,

ובפרט נאָך, אַז ס'ווערט פאַרלאַנגט, אַז דער צוזאַמענקומען זיך זאָל זיין אַ **לעבעדיקער**, און ניט נאָר אַ לעבעדיקער פאַר די וואָס באַטייליקן זיך אין דעם, נאָר אין אַזאַ שטורעמדיקן אופן פון לעבעדיקייט, אַז אַוועקגייענדיק בגשמיות פון דעם צוזאַמענקומען זיך, זאָל מען מאַכן לעבעדיק אידן און מענטשן וואָס מ'וועט דערנאָך געפינען, בלשון הגמרא "מחיי חיים", "טופח על מנת להטפיח" – דאַרף דאָך דאָס נאָכמערער האָבן אַן ערקלערונג: ווי איז די שייכות און פאַרבונדנקייט מיט צוויי זאַכן וואָס לכאורה זיינען זיי ניט נאָר **ניט די זעלבע זאַך**, נאָר שטייען נאָך אין **סתירה**.

איז דאָך אין דערויף – ווי גערעדט אַמאָל בארוכה – די ערקלערונג, אַז אַ צדיק, וואָס ווי **תורה** פאַרלאַנגט פון אים באַנוגנט ער זיך ניט דערמיט וואָס ער איז אַ צדיק **פאַר זיך**, נאָר דאָס איז "טוב לשמים טוב לבריות": ער זעט ווירקן און איינווירקן אויף די אַלע וואָס געפינען זיך אַרום (זיך) [אים], אַז זיי זאָלן זיך אויך פירן אין דער ריכטיקער וועג, אין דרך הצדק והיושר (וואָס דערפאַר ווערט ער דאָך אָנגערופן בשם "צדיק").

ווי אַזוי קען דער צדיק זען און וויסן, אַז ער האָט ממלא געווען תפקידו, אַז ער האָט אויפגעטאָן אין דער ריכטונג צוליב וועלכער ער איז געשיקט געוואָרן אין וועלט?

איז בשעת ס'געפינט זיך אַ נשמה בגוף, ובלשון הפוסקים בשעת ער איז "יוצא ונכנס", אַז אָט אָט גייט ער אַריין – דערשרעקט מען זיך, פירט מען זיך אַזוי ווי ער האָט פאַרלאַנגט און געוואונטשן – איז דאָס נאָך ניט די ריכטיקע ראַי' אַז ער האָט מצליח געווען.

בשעת ס'איז דאָ דער ענין פון **הסתלקות** הצדיק,

וואָס באמת, איז אין אמיתיות הדבר איז דאָך ווי דער בעל ההילולא שרייבט אין דעם מאמר וואָס ער האָט געגעבן לערנען אין יום ההילולא, אין "באתי לגני", איז ניט דער ענין פון הסתלקות אַז **מ'גייט אַוועק**, נאָר ס'גייען אַוועק די **באַגרענצונגען**, און ס'איז דאָ דעמאָלט דער אור הסובב; ס'איז דאָ דעמאָלט אָט די השפעה – כאָטש מ'זעט איר ניט בעיני בשר – מ'דאַרף נאָר אויפשטעלן די כלי, די אויפנאַמס-פעאיקייט, אויף אויפנעמען זיין השפעה.

וואָס דאָס איז ווי בלשון הגמרא "מה זרעו בחיים אף הוא בחיים", אַז בשעת מ'זעט אַז מ'דאַרף ברענגען אַ ראַי' (ביז) ווי ס'פירט זיך אויף "זרעו", ווי ס'פירן זיך אויף זיינע תלמידים, [די וואָס האָבן זוכה געווען האָבן השפעה פון אים דירעקט, אָדער דורך זיינע ספרים אָדער דורך זיינע מאמרים], און אָט דעמאָלט, אַז מ'זעט אַז "זרעו בחיים", אַז די תלמידים זיינע, אַז זיין השפעה ווירקט און ס'איז לעבעדיק, ביז אין אַן אופן אַז זי איז "מחיי חיים", זי מאַכט לעבעדיק אַרום זיך – אָט דעמאָלט איז "אף הוא בחיים".

די גמרא דאַרף ניט ברענגען קיין ראַי' אַז יעקב איז געווען בחיים **בעולם הבא**; דאָס רעדט זיך וועגן חיים **בעולם הזה**: אָט דעמאָלט איז "אף הוא בחיים", אָט דעמאָלט איז ער אַליין אויך "בחיים" בעולם הזה,

ואדרבא – ס'איז ביתר שאת וביתר עוז, אַז ער זעט ווי אַזוי די וואָס זיינען געווען "זרעו" בחיים חייתו בעלמא דין, זיינען ממשיך און זעצן פאָר די השתדלות אויף פאַרשפּרייטן יהדות, אידישקייט תורה ומצוות, און אויך טאָן דאָס מיט אַן אופן בדרכי נועם ובדרכי שלום, אָבער מיט דעם תוקף האמיתי, מיט דער אמת'ער שטאַרקייט, און מיט אַן אופן אויף ניט מיד-ווערן; טאָן דאָס איין מאָל און אַ צווייטן מאָל, וויפל מאָל ס'ווערט פאַרלאַנגט, ביז וואַנענט ס'איז אַ זיכערע זאַך אַז מ'איז מצליח – אָט דעמאָלט איז "אף הוא בחיים", (ס'איז)



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת חקת

און ווי גערעדט כמה פעמים, אַז דעמאָלט איז **ער אַליין** דאָ צוזאַמען מיט די וואָס קלייבן זיך צוזאַמען, און איז מוסיף כח; דורך דעם תענוג וואָס מ'פאַרשאַפט דער נשמה, איז בענטשט ער, און במילא איך מוסיף כח בגשמיות וברוחניות וואָס האָט אַ שייכות צו זיין בכלל,

ובפרט – מוסיף כח אין דער עבודה, אין דער שליחות, אויף פאַרשפּרייטן אידישקייט, און תורה ומצוות און צדק ויושר, יעדערער בכל מקום שידו מגעת, און ווי גערעדט פריער – בנוגע צו די אייגענע ד' אמות, ביי זיך אין הויז; בהנוגע צו דער גאַנצער שטאָט אין וועלכער ער לעבט, בהנוגע צו דער גאַנצער מדינה,

איז אָט דעמאָלט איז "**הוא בחיים**", און מ'איז נאָכמערער מצליח אין שנה הבאה.

וואָס אָט דעמאָלט ווערט דער אמת'ער ענין פון "הסתלקות", בדוגמא פון "אסתלק יקרא דקוב"ה בכולהו עלמין", און "צדיקים" איז דאָך "דומין לבוראן", אַז יעדער איד בכל מקום שהוא, ובפרט אָט די וואָס באַטייליקן זיך אין דעם צוזאַמענקומען זיך, באַקומען אַ צוגעגעבענעם כח ועוז אויף גיין אין דער שליחות פון "לעשות לו יתברך דירה בתחתונים", מאַכן פון דער גאַנצער וועלט אַזאַ וועלט, אַז ס'זאָל זיין ניכר, אַז דאָס איז דעם אויבערשטנ'ס אַ דירה, וואָס ער איז דאָרט דער אמת'ער בעל-הבית.

און אָט דעמאָלט איז דאָך אַ זיכערע זאַך, אַז ס'וועט זיין ווי דער רמב"ם שרייבט אין סוף הלכות מלכים בנוגע צו ימות המשיח, אַז ס'וועט ניט זיין קיין "קנאה ותחרות ומלחמה", נאָר מ'וועט זיך עוסק זיין אין חכמה בכלל, און אין חכמת אלקות במיוחד, ובלשון הידוע פון "יפוצו מעינותיך חוצה",

און אָט דעמאָלט, אין די לעצטע טעג פון גלות, וועט יעדערער און אַלע צוזאַמען צוגעבן (אין דער ליכטיקייט) אין ליכטיקער מאַכן די וועלט, דורך "נר מצוה ותורה אור",

ביז מ'וועט זוכה זיין צו דעם קיום היעוד פון "והי' הוי' לך לאור עולם", אַז די ג-טלעכקייט דער אויבערשטער וועט באַלייכטן די גאַנצע וועלט, און מ'וועט זוכה זיין צו ביאת משיח צדקנו בקרוב ממש.



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.